בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# מִיךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן

עֶס לֶערְנְט אוֹיס זִיךְ נִישְׁט צוּלָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שוּם מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט, און פוּן קַיין שוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט, נָאר שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי און פוּן פְרִישׁ.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

לֵיל שִׁשִׁי בֹּא תשע"ד

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, און מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא און מִדְרָשִׁים און הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה
## היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# מִיךְ וֶועסְטוּ
# נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן

## א.

### יָא, דוּ הֶערְסְט אוֹיךְ דֶעם בַּת קוֹל

וֶועלְכֶער אִיד וִויל דֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן? וֶועלְכֶע אִיד וִויל דֶען נִישְׁט טִיף אִין הַארְצְן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ? בַּיי יֶעדְן אִיד פְּלִיט דוּרְךְ אַזַא מַחֲשָׁבָה כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ טָאג! חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ו, ב), אַז יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּנֶעם בַּארְג חוֹרֵב [סִינַי], אוּן זָאגְט: ״אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת

מֵעֶלְבּוֹנָהּ שֶׁל תּוֹרָה״ - וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לָאזְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פַארְשֶׁעמְט, זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, וַוייל וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, וֶוערְט רַחֲמָנָא לִצְּלָן דֶערְוַוייטֶערְט אוּן מְנֻדֶּה פוּן בַּאשֶׁעפֶער. פְרֶעגְט דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: אוֹיבּ קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט דִי בַּת קוֹל וָואס אִיז דֶער גַאנְצֶער אוֹיפְטוּ פוּנֶעם בַּת קוֹל? נָאר דָאס וָואס קוּמְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ יֶעדְן טָאג אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, עֶס לוֹיפְט אִים דוּרְךְ אִין גֶעדַאנְק צוּ וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דָאס קוּמְט פוּן דֶעם בַּת קוֹל (כֶּתֶר שֵׁם טוֹב, חֵלֶק רִאשׁוֹן קמו).

**אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**

קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז יֶעדֶער אִיד וִויל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן זַיין גוּט, אוֹיבּ אַזוֹי וָואס אִיז דֶער שְׁטֶער? וָואס

לָאזְט אִים נִישְׁט? דֶער תֵּירוּץ אִיז וִויבַּאלְד עֶר זֶעט אַז עֶר פַּאלְט אַלְץ צוּרִיק, אֲפִילוּ עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן בְּרֶען, אָבֶּער מִיט דִי צַייט אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן דֶערְפוּן, דָאס צֶעבְּרֶעכְט אִים זַייעֶר שְׁטַארְק, בִּיז עֶר בַּאשְׁלִיסְט, לָאז מִיךְ אָפּ, עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ בִּין נִישְׁט מַצְלִיחַ מִיט דֶעם, אִיךְ זֶעה קְלָאר אַז דָאס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרָאבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל, אוּן יֶעדֶע מָאל בִּין אִיךְ צוּרִיק אַרָאפְּגֶעפַאלְן, דֶעמָאלְטְס אִיז זִיכֶער אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר מִיר, גֶעעֶנְדִיגְט, אַזוֹי אִיז עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְיַיאֵשׁ, אוּן עֶר קוּמְט צוּ וָואס עֶר קוּמְט.

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק

קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט, דוּ לֶעבְּסְט אִין אַ מוֹרָא׳דִיגְן טָעוּת, אַז דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ מֵיינְט עֶס בִּכְלַל נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט הָאבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן, וַוייל אֲפִילוּ װֶוען דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ אִיז דָאס אוֹיךְ נָאר פוּן הִימְל, דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל דוּ זָאלְסְט יֶעצְט אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רס״א).

### הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל פוּן נֵיי

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, אַז רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא הָאט צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אִין אֵיין צִי, גֶעדִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיטְן זֶעלְבְּן בְּרֶען (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תקיח; וְעַיֵּן עוֹד סִימָן תקנג). דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַ

זֶעלְטֶענֶע זַאךְ, דִי נַאטוּר פוּן אַ גֶעוֶוענְטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז, אַז וֶוען עֶר הֶייבְּט אָן תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן, אָדֶער וֶוען עֶר הֶייבְּט אָן אַ נֵייעֶר וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר אַ מוֹרָא׳דִיגְן בְּרֶען, שְׁטֶענְדִיג וֶוען מֶען הֶייבְּט אָן אַ נֵייעֶ זַאךְ, בְּרֶענְט מֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן בְּרֶען, אָבֶער נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרָאפּ דֶערְפוּן (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה בְּשֵׁם חוֹבַת הַלְּבָבוֹת, וְעַיֵּן רוֹקֵחַ הל׳ חֲסִידוּת בַּהַקְדָּמָה), צוּבִּיסְלֶעךְ לָאזְט דֶער בְּרֶען נָאךְ אוּן מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט, אֵיין עֵצָה אִיז אָבֶער דָא, אַז מֶען הֶייבְּט אָן נָאכְאַמָאל פוּן נֵיי מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן סב).

**אֵייבִּיג אִיז קוֹדֶם פוּנְסְטֶער אוּן נָאכְדֶעם לִיכְטִיג**

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת, אָט גֵייט עֶר אַרוֹיף, אָט פַאלְט עֶר אַרָאפּ, אָט גֵייט עֶר וַוייטֶער אַרוֹיף, אָט פַאלְט עֶר שׁוֹין וַוייטֶער אַרָאפּ, אַזוֹי גֵייט

דָאס װוילַאנְג עֶר לֶעבְּט, װִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית א, ה): וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד; אַ טָאג אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן צְוֵויי חֲלָקִים, קוֹדֶם אִיז נַאכְט נָאכְדֶעם װֶוערְט טָאג, אַזוֹי אִיז עֶס אַ גַאנְצֶער טָאג, יֶעדְן טָאג אִיז קוֹדֶם פִינְסְטֶער אוּן נָאכְדֶעם לִיכְטִיג, דֶערְנָאךְ װֶוערְט װַוייטֶער פִינְסְטֶער אוּן נָאכְאַמָאל לֶעכְטִיג, אַזוֹי גֵייט דֶער לֶעבְּן (עַיֵין שַׁבָּת עז ע״ב; זֹהַר תְּצַוֶּה קפד ע״א).

**אָן נִסְיוֹנוֹת אִיז מֶען נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ נָאר אַ מַלְאָךְ**

פַארְוָואס דַארְף עֶס טַאקֶע אַזוֹי זַיין? וַוייל אַ הֲנָאָה וָואס מֶען הָאט אַ גַאנְצֶע צַייט אָן אוֹיפְהֶער װֶוערְט דָאס אוֹיס הֲנָאָה, עֶס פַארְלִירְט דֶעם טַעַם, "תַּעֲנוּג תְּמִידִי אֵינוֹ תַּעֲנוּג" (תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ), אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין נִסְיוֹנוֹת אִיז שׁוֹין וִוי אַ מַלְאָךְ, אוּן צוּ וָואס דַארְף מֶען הָאבְּן

מַלְאָכִים דָא אוֹיף דִי װֶועלְט ? אִין הִימְל אִיז דָא אָן אַ שִׁיעוּר מַלְאָכִים, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שוּם שְׁטֶער צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער עִיקָר חִידוּשׁ אִיז אָבֶּער דַוְקָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז דָא אוֹיף דֶער װֶועלְט, עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, עֶר װֶוערְט נִכְשָׁל אוּן עֶר פַאלְט אַרָאפּ, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, נָאר עֶר הֵייבְּט אָן פוּן נֵיי, דָאס אִיז אִין הִימְל אַ מוֹרָא׳דִיגֶער חִידוּשׁ.

**תּוֹרָה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַקֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע**

לָאמִיר אָנְכַאפְּן אַ בֵּיישְׁפִּיל וָואס מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי טֵייעֶרְסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע זַאךְ וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אוּנְז אִידְן, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תּוֹרָה, תּוֹרָה אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס חָכְמָה אַלֵיין, דִי תּוֹרָה מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען אֵיין זַאךְ

(זֹהַר אַחֲרֵי דַף עג ע״ב), דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן א), מִיט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַקֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ מְשׁוּגָע, וַוייל אֵיינֶער וָואס טוּט עֲבֵירוֹת אִיז מַמָשׁ מְשׁוּגָע (סוֹטָה ג׳ ע״א), בִּפְרַט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן מֶען זִינְדִיגְט מִיט דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע (תַּנְחוּמָא נָשֹׂא ה), נָאר אֵיין מֶעדֶעצִין אִיז דָא אַקֶעגְן דֶעם, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

### דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס אַ מְשׁוּגֶע׳נֶער פַארְשְׁטֵייט אוֹיךְ

וֶועם עֶס אִיז בַּאקַאנְט וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט מְשׁוּגָעִים וֵוייסְט, אַז וֶוען מֶען וִויל הֵיילְן אַ מְשׁוּגֶענֶעם דַארְף מֶען אַמָאל אוֹיךְ נוּצְן אַ שְׁטֶעקְן,

אַז עֶר וֶוערְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן ווילְד, אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט דֶעמָאלְטְס נָאר אַ שְׁטֶעקְן [הַיינְט גֵייט דָאס שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ, מֶען פַארְשְׁלֶעפְּט אִים מִיט אַן אַיינְשְׁפְּרִיץ, אַמָאל אִיז דָאס גֶעגַאנְגֶען מִיט קְלֶעפּ], אָבֶער נָאכְדֶעם וִויל מֶען דָאךְ אִים אוֹיךְ הֵיילְן, דָאס טוּט מֶען דוּרְךְ פַארְשִׁידֶענֶע שֵׁמוֹת אוּן קְמֵעוֹת וָואס הָאט דִי סְגוּלוֹת אִים צוּ הֵיילְן, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט גֶענוֹי דִי בֵּיידֶע כֹּחוֹת אוּנְז צוּ הֵיילְן פוּן אוּנְזֶער מְשׁוּגֶע׳נֶעם יֵצֶר הָרָע, דִי תּוֹרָה אִיז אַ שְׁטֶעקְן, וַוייל דִי תּוֹרָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וָאו (זֹהַר פְּקוּדֵי דַף רכו ע״ב) אוּן דֶער אוֹיסְקוּק פוּן אוֹת ו׳ אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁטֶעקְן, אוֹיךְ אִיז דִי תּוֹרָה פוּל מִיט הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת, וָואס מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן פַארְטְרַייבְּט מֶען דִי נַארִישְׁקֵייטְן אוּן מְשׁוּגַעַתְ׳ן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן א, וּבְפֵרוּשׁ פַּרְפְּרָאוֹת לַחָכְמָה).

**צוּגֶעוואוֹינֶען קִינְדֶער צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת**

וָואס אִיז דֶער אוֹת ו׳ מְרַמֵז? אוֹיף שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, מִשְׁנַיוֹת אִיז דִי בֶּעסְטֶע שְׁטֶעקְן אַקֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַאךְ וָואס צֶעבְּרֶעכְט אַזוֹי דֶעם יֵצֶר הָרָע וְוי מִשְׁנַיוֹת, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אֵיידְלְט דָאס אִים אִינְגַאנְצְן אוֹיס, מִשְׁנַיוֹת לוֹיטֶערְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וֶוערְט אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ מְלַמֵד אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דֶעם לִימוּד פוּן מִשְׁנַיוֹת, עֶר דַארְף צוּגֶעוואוֹינֶען דִי קִינְדֶער צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וֶוען אַ קִינְד אִיז מְסַיֵים אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, גֶעבְּט דָאס אִים אַרַיין אַ מוֹרָא׳דִיגְן צוּפְרִידְנְקֵייט אִין לֶעבְּן, אַז עֶר וִויל שׁוֹין נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר וִויל נָאר זָאגְן נָאךְ אוּן נָאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אִים פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

### לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער מִשְׁנַיוֹת

פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער מְלַמֵד דַארְף אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס קֶען אוֹיךְ גֶעטוּן וֶוערְן אוֹיף אַ פְּרַאקְטִישְׁן וֶועג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אֵיין מִשְׁנָה, מֶען אִיז דָאס שֵׁיין אוּן קְלָאר מַסְבִּיר, אַזוֹי רוּקְט מֶען זִיךְ פָּארְאוֹיס יֶעדְן טָאג מִיט נָאךְ אֵיין מִשְׁנָה, מֶען הֵייבְּט אָן מִיט דִי גְרִינְגֶע מַסֶכְתּוֹת, קוֹדֶם מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, נָאכְדֶעם גַאנְץ סֵדֶר מוֹעֵד, נָאכְדֶעם קֶען מֶען שׁוֹין לֶערְנֶען סֵדֶר זְרָעִים, אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ הֵייבְּט מֶען אוֹיךְ אָן נְזִיקִין מִיט קָדָשִׁים, בִּיז מֶען קֶען לֶערְנֶען מִיט אִים סֵדֶר טְהַרוֹת, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז אַז עֶר זָאל שׁוֹין זַיין צוּגֶעוואוֹינְט פוּן קִינְדוַוייז אוֹיס צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט אִים דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַלֵיין אָפְּהִיטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס חָלִילָה.

### וָואס צוּ טוּן אַז בָּחוּרִים זָאלְן נִישְׁט אַוֶועקְפַּאלְן

לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז הַיינְט דֶער מַצָּב מִיט דֶער יוּגֶענְט זֵייעֶר בִּיטֶער, אַזוֹיפִיל יוּנְגֶע בָּחוּרִים גְלִיטְשְׁן נֶעבֶּעךְ אַוֶועק, זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, יֶעדֶער וֵויינְט אוּן קְלָאגְט, דִי מְחַנְּכִים בְּרֶעכְן זִיךְ דֶעם קָאפּ, מֶען זוּכְט אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן אַז בָּחוּרִים זָאלְן נִישְׁט אַוֶועקְפַּאלְן, דִי תֵּירוּץ אִיז אֵיין תֵּירוּץ, נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קֶען רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער, אַז רוֹב בָּחוּרִים קֶענֶען נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן דֶעם שְׁטַאפְּל לִימוּדִים וָואס אִיז אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי יְשִׁיבוֹת, דֶער פַאקְט אִיז אַז צוּם וֵוייניגְסְטֶענְס פוּנֶעף אוּן נַיינְצִיג פְּרָאצֶענְט קִינְדֶער, דֶערְהֵייבְּן נִישְׁט דִי דַרְגָּא שִׁיעוּרִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין חֵדֶר אָדֶער יְשִׁיבָה, וָואס גֶעשֶׁעהט גֶעוֶוענְטְלִיךְ מִיט דִי אַלֶע תַּלְמִידִים? זֵיי וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, צוּקְלַאפְּט, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז עֶר

בַּאקוּמְט קְלֶעפּ פַאר דֶעם וְכוּ׳, װֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, בִּיז עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ, נָאר וִויבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ מוּז דָאךְ עֶפֶּעס טוּהן, גֵייט עֶר זוּכְן שְׁמוּץ, אָבֶּער אַז מֶען זָאל װֶוען אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער פוּן יוּנְגְוֶוייז אוֹיס דֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן עו, וּבְקוּנְטְרֶס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד), צוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, צוּ זָאגְן גְמָרָא, וָואלְטְן זֵיי גֶעהַאט אַ מוֹרָא׳דִיגְן חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, זֵיי וָואלְטְן נָאר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן נִישְׁט אִינְזִינֶען גֶעהַאט דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

### דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ שַׁ״ס

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: װֶוען אֵיינֶער אִיז זוֹכֶה אוּן אִיז מְסַיֵים שַׁ״ס צִיעֶט עֶר אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים; דָאס הֵייסְט עֶר בַּאקוּמְט אַן אַנְדֶערֶע צוּרָה אִינְגַאנְצְן, דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר כְּדַאי

אַז כָאטְשׁ בִּיז צוּ דִי בַּר מִצְוָה זָאל מֶען דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ שַׁ״ס, אַז מֶען זָאגְט דוּרְךְ שַׁ״ס וֵוייסְט מֶען כָאטְשׁ וִוי אַזוֹי שַׁ״ס זֶעהְט אוֹיס, מֶען וֵוייקְט זִיךְ מִיט דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע תְּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים, אוּן מֶען זֶעט אַז שַׁ״ס אִיז נִישְׁט קַיין בֶּער, אֵיינְמָאל אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ״ס, נֶעמְט מֶען אַ מַסֶכְתָּא אוּן מֶען חַזֶר׳ט דָאס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, נָאכְדֶעם נָאךְ אַ מַסֶכֶת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וֶוען מֶען זָאל דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אַוֶועקְגֵיין פוּן אִידִישְׁקֵייט.

### זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת

יֶעצְט אַז מֶען אִיז שׁוֹין לֵיידֶער יָא דוּרְכְגֶעפַאלְן, אִיז וַוייטֶער נָאר דִי עֵצָה צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיי דִי טִיר פוּן גֵיהִנוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט

גֶעלֶערְנְט אַסאךְ מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט דָארְט אַרַיין. דֶער חִידָ״א (מִדְבַּר קְדֵמוֹת מַעֲרֶכֶת א, אוֹת נט) בְּרֶענְגְט אַ רֶמֶז צוּ דֶעם, פוּנֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ; שְׁמֵנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מִשְׁנָה, אָשֵׁר הָאט חַיוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת, זַיין בְּרוֹיט אִיז אַסאךְ מִשְׁנַיוֹת. מִשְׁנַיוֹת גֶעבְּט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אַסאךְ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קפ״ה). אָבֶער דָאס שְׁטַאמְט נָאךְ פוּנֶעם אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ, װָאס הָאט גֶעזָאגְט אַז חַ״י (18) פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת הַרְגְ׳עֶט דֶעם יֵצֶר הָרָע (כַּמּוּבָא בְּכָל הַסִּדּוּרִים עַל פִּי כַּוָּנַת הָאֲרִיזַ״ל). אִין טְשֶׁערְנָאבְּל אִיז אוֹיךְ דֶער מִנְהָג צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, כְּדֵי צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת, װִי עֶס װֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן מַגִּיד רֶבִּי

מָרְדְכַי מִטְשֶׁעֶרְנָאבְּל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (לִקּוּטֵי תּוֹרָה הַדְרָכָה ו׳).

### שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי

יֶעצְט וָואס זֶעעֶן מִיר בַּיי דִי תּוֹרָה? אַז פַאר אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, לֶערְנְט מֶען אִים אוֹיס דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, עֶר קוּמְט שׁוֹין מִיט אַן אוֹצָר פוּן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָה, נָאר וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט אַ מַלְאָךְ אוּן גֶעבְּט אִים אַ שְׁנֶעלְק, עֶר פַארְגֶעסְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעוְוּיסְט (נִדָּה דַף ל ע״ב), פַארְוָואס טַאקֶע דַארְף עֶס אַזוֹי זַיין? נָאר דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז אַזוֹי גֵייט עֶס אוֹיף דֶער וֶועלְט, כָאטְשִׁיג דוּ הָאסְט שׁוֹין אַלֶעס גֶעוְוּיסְט, וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְגֶעסְן, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט יֶעצְט אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ מִיט דַיינֶע אֵייגֶענֶע כֹּחוֹת, בִּיז דוּ וֶועסְט אַלֶעס צוּרִיק בַּאקוּמֶען, אַזוֹי הָאט דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דִי לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְש, צוּ וַוייזְן אַז שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי.

## אַ מֶענְטְש בְּמֶשֶׁךְ זַיין לֶעבְּן הַאלְט אוּן אֵיין פַּאלְן

אַזוֹי גֵייט עֶס אוֹיךְ וַוייטֶער אִין לֶעבְּן, דָא הֵייבְּט אַ מֶענְטְש אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן בְּרֶען, פְּלוּצְלִינְג לָאזְט נָאךְ דִי גַאנְצֶע בְּרֶען, פַּארְקֶערְט עֶר פַאלְט אַרָאפּ טִיף טִיף, טָאר עֶר נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן דֶערְפוּן, נָאר וִויסְן אַז יֶעצְט הֵייבְּט מֶען אָן צוּרִיק פוּן נֵיי, אַ מֶענְטְש טָאר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען עֶר פַאלְט אַרָאפּ, נָאר שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט, דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, וַוייל אַ מֶענְטְש בְּמֶשֶׁךְ זַיין לֶעבְּן הַאלְט אוּן אֵיין פַאלְן, אָבֶער אַז עֶר וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר חָכְמָה

אִיז שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט, דַאן וֶועט עֶר מוֹרָא׳דִיג מַצְלִיחַ זַיין, עֶר וֶועט גֵיין שְׁטֶענְדִיג פָארְאוֹיס, זַיין נְשָׁמָה וֶועט וֶוערְן אַלְץ מֶער אוּן מֶער אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין זִיךְ אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אַלֶע חֲלָקִים פוּן זַיין נֶפֶשׁ רוּחַ נְשָׁמָה חַיָּה יְחִידָה (זוֹהַר מִשְׁפָּטִים דַף צד ע״ב; וְעַיֵּן בְּרָכוֹת י׳ ע״א).

### מֶען פַאלְט אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף

מֶען דַארְף הַאלְטְן קָאפּ אַז אַזוֹי גֵייט דֶער לֶעבְּן, קוֹדֶם בַּאקוּמְט מֶען פוּן הִימְל אַ גֶעוַואלְדִיגְן לֶעכְט, מֶען הֵייבְּט אָן צוּ בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרָאפּ דֶערְפוּן, יֶעצְט דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע כֹּחוֹת, אָבֶּער נָאכְדֶעם אִיז מֶען אוֹיךְ נָאכְנִישְׁט פֶערְטִיג, מֶען פַאלְט נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, הֵייבְּט מֶען זִיךְ וַוייטֶער אוֹיף אוּן מֶען פַאנְגְט

אָן פוּן פְּרִישׁ, אַזוֹי גֵייט דָאס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מֶען פַאלְט אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, מֶען פַאלְט אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.

## ב.

### מֶען זֶעט דִי נֵייעֶ לְבָנָה

וֶועגְן דֶעם נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט אִין מִצְרַיִם אַלֶע שְׁוֶוערֶע פַּיינוּנְגֶען אוּן צָרוֹת, וֶוען זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאלְטְן אָט אָט בַּיים אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, מֶען זָאל מְקַדֵּשׁ זַיין דֶעם חוֹדֶשׁ וֶוען מֶען זֶעט דִי נֵייעֶ לְבָנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז חוֹדֶשׁ נִיסָן וֶועט זַיין דֶער הוֹיפְּט פוּן אַלֶע חֲדָשִׁים, מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן צוּ צֵיילְן אַלֶע חֲדָשִׁים פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן (שְׁמוֹת יב, ב).

### אַ קְלֵיינֶע פִּינְטְל פוּן דִי נֵייעֶ לְבָנָה

וָואס זֶעעֶן מִיר בַּיי דִי מִצְוָה? אַז וִוי נָאר מֶען זֶעהְט אַ קְלֵיינֶע פִּינְטְל פוּן דִי נֵייעֶ לְבָנָה, קֶען מֶען שׁוֹין מְקַדֵּשׁ זַיין דֶעם חוֹדֶשׁ, בֵּית דִּין רוּפְט אוֹיס מְקֻדָּשׁ מְקֻדָּשׁ מְקֻדָּשׁ דְרֵיי מָאל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כד ע״א), אוּן עֶס וֶוערְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מְכִילְתָּא, וְהוּבָא בְּרַשִׁ״י) אַז אֲפִילוּ פַאר מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען וִויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר אַז מֶען זָאל שׁוֹין קֶענֶען מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוִויזְן מִיט דִי פִינְגֶער אוּן גֶעזָאגְט, אַז אַזוֹי וִוי דוּ זֶעסְט יֶעצְט אַזוֹי זָאלְסְטוּ אֵייבִּיג מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה.

### אֵיין קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶע בַּיי אַ אִיד

מֶען קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען מוֹרָא׳דִיגֶע חִיזוּק פַאר יֶעדְן אִיד, וַוייל אִידְן זֶענֶען גֶעגְלִיכְן צוּ דִי לְבָנָה (עַיֵּין חוּלִין ס׳ ע״ב), אוּן דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

גֶעוֶוויזְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען טְרֶעפְט נָאר אֵיין קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶע בַּיי אַ אִיד, קֶען מֶען אִים שׁוֹין מְקַדֵּשׁ זַיין, עֶר קֶען שׁוֹין וֶוערְן אַ הֵיילִיגֶער אִיד, וַוייל אַז מֶען טְרֶעפְט דָאס פִּינְטֶעלֶע גוּטְס אִין אַ אִיד, קֶען מֶען אִים אוֹיפְהֵייבְּן אוּן צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב (עַיֵין בַּאֲרִיכוּת לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר הֲלָכָה א, אוֹת יב). בֶּאֱמֶת הָאט יֶעדֶער אִיד אִין זִיךְ אֵיין נְקוּדָה טוֹבָה, וַוייל אֲפִילוּ דֶער עֶרְגְסְטֶער אִיד פַארְמָאגְט אוֹיךְ אַ פִּינְטֶעלֶע אֱמוּנָה, דָאס אִיז זַיין גוּטְס, דִי קְלֵיינֶע פִּינְטְל גוּטְס אִיז זַיין נְשָׁמָה, וָואס אִיז אַ שְׁטִיק אֱלֹקוּת, אוּן מִיט דִי אֵיין גוּטֶע נְקוּדָה, אִיז עֶר שׁוֹין מֶער וֶוערְד וִוי אַלֶע גוֹיִם צוּזַאמֶען, דֶערְפַאר דַארְף מֶען דַן זַיין יֶעדְן אִיד לְכַף זְכוּת.

### <u>וַוייז אִים אַז עֶר קֶען יָא מַצְלִיחַ זַיין</u>

דִי וָואס לֶערְנֶען פְּסִיכָאלָאגִיֶ וֵוייסְן דֶעם כְּלַל, אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְנֶעמֶען דָאס גוּטְס פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, שְׁלֶעכְטְס לָאז אָפּ, הֵייבּ אוֹיף דִי גוּטְס, וַוייז אִים אַז עֶר קֶען יָא מַצְלִיחַ זַיין, דַאן וֶועט עֶר טַאקֶע מַצְלִיחַ זַיין, חָלִילָה אַז מֶען גֵייט אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע רִיכְטוּנְג, מֶען נֶעמְט אַן אוּמְשׁוּלְדִיג קִינְד אוּן מֶען צֶעבְּרֶעכְט אִים, מֶען וַוייזְט אִים אִיבֶּער אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז עֶר קֶען נִישְׁט, מֶען חַזֶר׳ט מִיט אִים זַיין שְׁלֶעכְטְס אוּן דוּרְכְפֶּעלֶער, וָואס גֶעשֶׁעהט נָאכְדֶעם? עֶר וֶוערְט אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן מְיוּאָשׁ בִּיז רַחֲמָנָא לִיצְלָן עֶס רִירְט אִים נֶעבֶּעךְ אָן דִי נֶערְוְון, הָאסְט אִים אַזוֹיפִיל צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, וִוילַאנְג עֶר אִיז טַאקֶע אִיבֶּערְצֵייגְט אַז עֶר קֶען גָארְנִישְׁט אוּן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, יֶעצְט אִיז עֶר שׁוֹין טַאקֶע אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי, אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן

דֶעפְּרֶעסְט, וֶוער וֵוייסְט צוּ מֶען וֶועט דָאס קֶענֶען אַמָאל פַארְהֵיילְן, אַרָאפְּקְלַאפְּן אַ מֶענְטְש אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם חָכְמָה, פַארְקֶערְט אוֹיפְהֵייבְּן אַ אִיד דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה.

### אִיז דֶען אַ קוּנְץ אַ אִיד אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן?

אִין דֶעם רֶבִּי'נְס צַייטְן אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גֶעהוֹיבֶּענֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ, עֶר הָאט גֶעהַאט מוֹרָא'דִיגֶע כֹּחוֹת אִין זִיךְ צוּ בַּאוַוייזְן מוֹפְתִים, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂיוֹת [דָאס אִיז הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת אוּן קַבָּלָה, וָואס מֶען קֶען דוּרְכְדֶעם בַּאוַוייזְן אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים], דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר זִיךְ מִיט דֶעם נִישְׁט בַּאנוּצְן, וַוייל הַיינְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין אֵפֶר הַפָּרָה, דֶערִיבֶּער הָאט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק בַּאפוֹילְן זַיינֶע חֲסִידִים אַז מֶען זָאל אִים אָנְשְׁמַייסְן

בָּרַבִּים, דוּרְכְדֶעם הָאט מֶען פוּן אִים צוּגֶענוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, דָאס הָאט אִים זֵייעֶר צוּגֶערִירְט, דָא הָאט עֶר גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן בַּאוִויזְן אַזֶעלֶעכֶע מוֹפְתִים, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר אַלֶעס פַארְלוֹירְן, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ דֶערְפוּן אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, דִי מִשְׁפָּחָה מִיטְגְלִידֶער זֶענֶען גֶעלָאפְן מִיט צַעַר צוּ אַלֶע צַדִיקִים אוּן גוּטֶע אִידְן, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, וָואס קֶען מֶען דֶען טוּן פַאר אַ שְׁטְרָאף פוּן אַ צַדִיק, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען צוּ אִים, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן מִיט דֶעם לָשׁוֹן: אִיז דֶען אַ קוּנְץ אַ אִיד אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן? אַ קוּנְץ אִיז אַ אִיד אוֹיפְצוּהֵייבְּן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים צוּרִיק גֶעגֶעבְן אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת בִּקְדוּשָׁה, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס גָאר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

וֶוען דֶער בָּחוּר וֶועט שׁוֹין זַיין צֶעבְּרָאכְן...

וָואס הָאסְטוּ פוּן צֶעבְּרֶעכְן מֶענְטְשְׁן, אַז דוּ הַאנְדְלְ׳סְט לְמָשָׁל מִיט בָּחוּרִים, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זֵיי נָאר צֶעבְּרֶעכְן ? וואוּ וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען וֶוען דֶער בָּחוּר וֶועט שׁוֹין זַיין צֶעבְּרָאכְן ? דֶעמָאלְטְס וֶועט דָאךְ דִי צָרָה זַיין אַסַאךְ גְרֶעסֶער, לָאמִיר זֶעהן אַז דוּ קֶענְסְט טְרֶעפְן זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן, אִים אוֹיפְהֵייבְן אוּן וַוייזְן אַז עֶר קֶען יָא, דָאס אִיז אַ חָכְמָה, אוּן נָאר דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ מַצְלִיחַ זַיין מִיט תַּלְמִידִים.

אֵיי בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט מַיין שִׁידוּךְ...

בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, הֵייבּ אָן טְרֶעפְן דָאס גוּטְס בַּיי דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ זֶעהן וִוי דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אַ נֵייעֶ וַוייבּ, שְׁטֶענְדִיג הֶערְט מֶען וִוי מֶענְטְשְׁן בַּאקְלָאגְן זִיךְ, ״אֵיי בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט מַיין שִׁידוּךְ״... וֶוער

זָאגְט דִיר דָאס ? פוּן וַואנֶעט וֵוייסְטוּ אַז בַּיי אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט אַזוֹי ? דֶער אֱמֶת אִיז אַז בַּיי יֶעדֶעם אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, יֶעדֶער קֶען טְרֶעפְן חֶסְרוֹנוֹת אוּן פֶּעלֶערְס אוֹיף זַיין לֶעבְּנְס-שׁוּתָּף, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם חִידוּשׁ, קַיין שׁוּם אוֹיפְטוּ, דִי קוּנְץ אִיז וִוי אַזוֹי צוּ טְרֶעפְן דִי גוּטְס, אַז דוּ װֶועסְט אָנְהֵייבְּן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן, דָאס גְרוֹיס מַאכְן אוּן אוֹיפְהֵייבְּן, װֶועט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג אַלֶעס טוֹישְׁן, װֶועסְט טְרֶעפְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ.

### קֶען מֶען נָאךְ מִיט אִים עֶפֶּעס מַאכְן ?

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט גֶעוְויסְט וִויפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר פוּן מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה, דָאס הֵייסְט, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען הֵיילִיגְן אַ אִיד, וָואס עֶר אִיז בַּיי זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּגֶעפַאלְן צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער אִין לֶעבְּן, עֶר זֶעט שׁוֹין אוֹיס

וִוי אַ פַארְטִיגֶער, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען נָאךְ מִיט אִים עֶפֶּעס מַאכְן? הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן: כָּזֶה! דוּ דַארְפְּסְט נִישְׁט מֶער וִוי אֵיין פִּינְטְל, אֵיין פִּינְטֶעלֶע אַז מֶען טְרֶעפְט נָאר אִין אַ אִיד, מִיט אֵיין נְקוּדָה טוֹבָה וָואס עֶר הָאט, קֶען מֶען אִים שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אִים מְקַדֵּשׁ זַיין אוּן הֵיילִיגְן, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

### אַז אֵיינֶער הֶעצְט שׁוֹין שְׁטֵיי וַוייט פוּן אִים

[פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אַ מֵסִית וּמַדִּיחַ, אֵיינֶער וָואס הֶעצְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזַא אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין תַּקָּנָה אוּן מֶען טָאר נִישְׁט מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אִים (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן פח), אַ מֵסִית וּמַדִּיחַ זָאל גֵיין צוּם אוֹתוֹ הָאִישׁ, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועןֹ אַ מֵסִית וּמַדִּיחַ (סַנְהֶדְרִין מג ע״א), דִי קְרִיסְטְן מַאכְן אַ גַאנְצֶער

עֵסֶק פוּן אִים, בִּשְׁעַת עֶר אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען אַ מַמְזֵר, וָואס אִיז גֶעבּוֹירְן אִין אַ שְׁטַאל (עַיֵין [בְּחֶסְרוֹנוֹת הַשַׁ״ס] שַׁבָּת קד עָמוּד ב׳ וּבְרַשִׁ״י; סַנְהֶדְרִין סז ע״א; תּוֹסְפוֹת חֲגִיגָה ד׳ ע״ב), עֶר הָאט זִיךְ דֶערְקְלֶערְט אַלְץ אַן אָפְּגָאט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן פַארְקוֹיפְט אַ נַייעֶ פַאלְשֶׁע אֱמוּנָה (עַיֵין סוֹטָה מז ע״א), נָאכְדֶעם אִיז פוּן דֶעם רַחֲמָנָא לִיצְלָן אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזַא מִין טוּמְאָה, בִּיז הַיינְט אִיז שׁוֹין לֵיידֶער דָא אֵיינְס אוּן אַ הַאלְבּ בִּילְיָאן נוֹצְרִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָפְּגֶערֶעדְט וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעלִיטְן אַדַאנְק דֶעם אִין דִי צְוֵויי טוֹיזֶענְט יָאר גָלוּת, וְויפִּיל מִילְיֵי מִילְיָאנֶען אִידְן הָאט מֶען גֶע׳הַרְגְ׳עֶט מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע מִיתוֹת אַכְזָרִיּוֹת, נָאר וֶועגְן דֶעם אֵיין מַמְזֵר רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

**מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְטְרַייבְּן אַ אִיד**

אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט אַרַיין אִין חֲזַ״ל, זֶעט מֶען אַז דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאר וַוייל מֶען הָאט אִים

מְרַחֵק גֶעוֶועןֿ, דִי גְמָרָא פַאַרְצֵיילְט (שָׁם, וּבְסַנְהֶדְרִין קז ע״ב), אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין רֶבִּי, רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה, אַז דִי אוֹיגְן פוּן דִי פְרוֹי וואוּ זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִיז רוּנְדֶעכִיג, רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה הָאט גֶעזֶען אַז עֶר קוּקְט אוֹיף פְרוֹיעֶן, הָאט עֶר אִים פַארְטְרִיבְּן, אַזוֹי הָאט עֶר אִים עֶטְלִיכֶע מָאל פַארְטְרִיבְּן, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי נִידְרִיג דֶערְקֵייקֶלְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַן אָפְּגָאט, אוּן עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעשֶׁען וָואס אִיז גֶעשֶׁען, דִי גְמָרָא דֶערְמַאנְט אוֹיךְ וָואס אִיז גֶעשֶׁען וֶוען אֱלִישָׁע הַנָבִיא הָאט פַארְטְרִיבְּן גֵיחֲזִי, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים לֶערְנֶען אוּנְז פוּן דֶעם, ווִי וַוייט מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ פַארְטְרַייבְּן אַ אִיד, מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וָואסְפַארַא חוּרְבָּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן עֶס קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְקוּמֶען; אֱמֶת אַסַאךְ מָאל אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ קֶענֶען

אַיינְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ פַארְטְרַייבְּן, אָבֶּער אַז מֶען הָאט גֶעדוּלְד אוּן מֶען פַארְטְרָאגְט עֶס, בַּיים סוֹף צָאלְט זִיךְ עֶס אוֹיס, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אָבֶּער זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן אֲפִילוּ קַיין טְרָאפּ שַׁייְכוּת מִיט מֵסִיתִים וּמַדִּיחִים וָואס הֶעצְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן אַקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אֵיינֶעם וָואס הֶעצְט שׁוֹין טָאר מֶען אִינְגַאנְצְן נִישְׁט מִיטְשְׁטֵיין חַס וְשָׁלוֹם].

פַארְגֶעס דַיין שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן,
הֵייבּ יֶעצְט אָן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן

וֶועגְן דֶעם בַּיים אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעגֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, וַוייל אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערֶע דוּרְכְגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן, דַארְף עֶר דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וִויסְן, נִישְׁט צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן נָאר זִיךְ בַּאנֵייעֶן, פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס

אִיז גֶעוֶוען אוּן אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, פּוּנְקְט וִוי דִי לְבָנָה בַּאנֵייט זִיךְ פְּרִישׁ יֶעדְן חוֹדֶשׁ, כָאטְשִׁיג סוֹף חוֹדֶשׁ זֶעהְט מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט, דִי גַאנְצֶע לִיכְטִיגְקֵייט וָואס עֶס שְׁפִּיגְלְט אָפּ פוּן דִי זוּן וֶוערְט פוּן אִיר פַארְשְׁטֶעלְט, דָאךְ אָבֶער אָנְהֵייבּ חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶס צוּבִּיסְלֶעךְ גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, בִּיז אִינְמִיטְן חוֹדֶשׁ שְׁטֵייט זִי פּוּנְקְט אַקֶעגְן דִי זוּן, אוּן עֶס שְׁפִּיגְלְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרַיין אִין אִיר דִי זוּן, עֶס שַׁיינְט אַ קַיילֶעכִיגֶער לְבָנָה מִיטְן גַאנְצְן פְּרַאכְט, אַזוֹי דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן פוּן פְּרִישׁ, כָאטְשִׁיג עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען פוּנְסְטֶער, קֶען עֶר פוּן יֶעצְט פְּרִישׁ אָנְהֵייבְּן לַייכְטְן.

### יֶעדֶע אָטֶעם אִינְגַאנְצְן נֵיי אוּן פְּרִישׁ

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז בַּאנֵייעֶן זִיךְ גֶעוֶוען דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַמָאל

אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף זִיךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שפד): נִישְׁט נָאר אַ וָוארְט קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן מַיין מוֹיל אָן זִיךְ בַּאנֵייעֶן, נָאר אֲפִילוּ אַ אָטֶעם קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן מִיר אָן זִיךְ בַּאנֵייעֶן! יֶעדֶע אָטֶעם אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן נֵיי, וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יד, ט): עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה תְּהַלֵּל יָ-ה; אוֹיף יֶעדְן אָטֶעם דַארְף אַ אִיד לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

### נִישְׁט זִיךְ צוּטוּן מַאכְן

### פוּן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אָדֶער שַׁאצְן

אַ אִיד קֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים, אָדֶער שַׁאצְן אוֹיף אִים, פוּן דִי אַלֶע זַאכְן דַארְף עֶר בִּכְלַל נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, פַארְקֶערְט עֶר דַארְף בַּיי זִיךְ זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז אֲפִילוּ יֶעדֶער זָאל אוֹיף מִיר אָנְדֵייטְן אוּן מִיר קְלָאר

זָאגְן, אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין קַיין לַייט נִישְׁט וֶוערְן, אִיךְ טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דָאךְ מַאךְ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן, הָאסְטוּ גֶעזָאגְט, וָואס אִיז? וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט דִיר? אֲפִילוּ עֶר אִיז דִיר מַסְבִּיר אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן אַז דוּ טוֹיגְסְט צוּ גָארְנִישְׁט, עֶר וַוייזְט דִיר אוֹיף קְלָאר אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ, אוּן אַז יֶעדֶער אִיז מוֹדֶה צוּ דֶעם, דָאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ בַּיי זִיךְ זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים, זָאל יֶעדֶער זָאגְן וָואס עֶר וִויל, עֶס זָאל אִים נִיטְאַמָאל אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס מֶען זָאגְט אוּן וָואס מֶען הַאלְט פוּן אִים, בַּיי זִיךְ דַארְף עֶר וִויסְן אַז עֶר קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, אוּן אַז עֶר קֶען יָא מַצְלִיחַ זַיין, אַז מֶען בְּרֶענְגְט דָאס אַרַיין אִין קִינְדֶער, אִין בָּחוּרִים, אִין אִינְגֶעלַייט, וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגֶער הַצְלָחָה.

**אֲפִילוּ מִיט אַזוֹיפִיל פְּגַם הַבְּרִית**
**קֶען מֶען אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי**

אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ שׁוֹין גָאר שְׁטַארְק פַארְשְׁמִירְט מִיט חֲטְאוֹת נְעוּרִים, וָואס דָאס מַאכְט אִים מוֹרָא׳דִיג דֶעפְּרֶעסְט, אָבֶּער אַז מֶען בּוֹיעֶט אִים אוֹיף מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הִתְחַזְקוּת נִישְׁט צוּבְּרָאכְן װֶערְן פוּן גָארְנִישְׁט, װֶעט עֶר שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, גָארְנִישְׁט װֶעט אִים קֶענֶען אָפְּשְׁרֶעקְן, עֶר װֶעט בַּיי זִיךְ זַיין פֶעלְזְן פֶעסְט, אַז דֶעם בַּאשֶׁעפֶער װֶעל אִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל נִישְׁט זַיין, אוֹיף אַזַא װֶעג װֶעט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס הִילְף זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

### אַ גִּבּוֹר אִיז װֶער עֶס דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם אוּן פוּן גָארְנִישְׁט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמט), אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע כֹּחַ פוּן שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר, עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֶע הַארְץ, עֶר הָאט גֶעהַאט קוּרַאזְשׁ, פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין גְּבוּרָה, אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, עֶר דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם אוּן פוּן גָארְנִישְׁט, קֶען עֶר מוֹרָא'דִיג מַצְלִיחַ זַיין אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מִלְחָמוֹת פוּן יֵצֶר הָרָע, אוּן אַלֶע זַיינֶע שׂוֹנְאִים וָואס ווִילְן אִים נָאר צֶעבְּרֶעכְן.

### דוּ מֶעגְסְט רֶעדְן אוֹיף מִיר וָואס דוּ ווִילְסְט

דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מֶען אַמָאל גֶעהֶערְט זִינְגֶען (תְּהִלִּים עג, כה): "מִי לִי בַּשָּׁמַיִם" - אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אִין הִימְל, יֶעדֶער

אֵיינֶער אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף מִיר, אָבֶּער "וְעִמְּךְ" – אַז אִיךְ הָאבּ דִיר בַּאשֶׁעפֶּער, "לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ" – דַארְף אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם אַרְצִיּוֹת, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶּער אַלֵיין. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן יד), אַז פּוּנְקְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ הָאט מִתְנַגְדִים וָואס רֶעדְן אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיבְן אִין הִימְל אוֹיךְ מִתְנַגְדִים וָואס רֶעדְן אוֹיף אִים, וַוייל וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוּנְטְן – אַזוֹי טוּט זִיךְ אוֹיבְן; דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן דִיר, דוּ מֶעגְסְט רֶעדְן אוֹיף מִיר וָואס דוּ וִוילְסְט, אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

### אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי שְׁוֶועְרסְטֶע צָרוֹת

װֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק (שְׁמוֹת יב, ב): ״רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה״; חוֹדֶשׁ נִיסָן װֶוען אִידְן זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם, אִיז דִי אָנְהֵייבּ פוּן אַלֶע חֳדָשִׁים, וַוייל אַז מֶען הָאט דִי רִיכְטִיגֶע הִתְחַזְקוּת זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אוּן אוֹיפְפְרִישְׁן, קֶען מֶען טַאקֶע אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ יָאר אוּן אַ נֵייעֶ לֶעבְן, אֲפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין מִצְרַיִם, מֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַּארְפְּלָאנְטֶערְט מִיט דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צָרוֹת, אָבֶער אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ אִיז דָא אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ גֵיין.

### ג.

### אַלֵיין קֶען מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם פְּלָאנְטֶער

אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי דַארְף מֶען צוּקוּמֶען צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן, זֵיי זָאלְן דִיר הֶעלְפְן

אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער, אַלֵיין קֶען מֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, "אֵין חָבוּשׁ מַתִּיר עַצְמוֹ מִבֵּית הָאֲסוּרִים" (בְּרָכוֹת ה ע"ב), אֵיינֶער וָואס זִיצְט אִין אַ תְּפִיסָה אִיז אִים מוֹרָא'דִיג שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּגֵיין, אִין אַ תְּפִיסָה אִיז דָא וֶוענְט אִיבֶּער וֶוענְט, צוֹימֶען נָאךְ צוֹימֶען, פוּל מִיט שׁוֹמְרִים בַּיי יֶעדֶע טִיר אוּן בַּיי יֶעדֶער רִיר, עֶס אִיז אוֹיף קַיין שׁוּם פַּאל נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַלֵיין צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ תְּפִיסָה, דִי אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען הֶערְט אַמָאל, אַז עֶס אִיז גֶעלוּנְגֶען פַאר אַיינְגֶעשְׁפַּארְטֶע צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן תְּפִיסָה, אִיז דָאס שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעוֶוען מִיט דִי הִילְף פוּן דְרוֹיסֶענְדֶע, צוּ מִיט שֹׁחַד צוּ מִיט אַן אַנְדֶערֶע אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פָּארְטְל, אַן אַרֶעסְטַאנְט קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אַרוֹיסְזֶעהן פוּן תְּפִיסָה בְּשׁוּם אוֹפָן, עֶס וֶוערְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַזוֹיפִיל חָכְמָה אוּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְטְקֵייט בַּיי יֶעדֶע רִיר, אַז מֶען קֶען זִיךְ

נִישְׁט אַרוֹיסְדֶערְוִוישְׁן אַלֵיין, נָאר וָואס דֶען? שְׁטֶענְדִיג אִיז דָאס מִיט דִי הִילְף פוּן אַנְדֶערֶע אִינְדְרוֹיסְן.

### דֶער וֶועג אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה וָואס הֵייסְט צֶעבְּרָאכְנְקֵייט

אוֹיב אִיז בְּגַשְׁמִיוּת נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן תְּפִיסָה נָאר דוּרְךְ דִי הִילְף פוּן דְרוֹיסֶענְדֶע, אִיז דָאךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז בְּרוּחָנִיוּת אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיסְצוּזֶעהן פוּן תְּפִיסָה אָן צַדִיקִים אוּן גוּטֶע חֲבֵרִים פוּן אִינְדְרוֹיסְן, וַוייל בְּרוּחָנִיוּת אִיז דִי גוּף אַ תְּפִיסָה פַאר דִי נְשָׁמָה (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקוּן ו׳), דִי נְשָׁמָה אִיז אַ שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַ חֵלֶק אֱלוֹקַ מִמַּעַל, אַ אִיד וָואס הָאט אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי רוּחָנִיוּת פוּן יֶעדֶע זַאךְ, שְׁפִּירְט עֶר נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען נָאר הָאבְן, אָבֶער וָואס טוּט מֶען וֶוען

דִי נְשָׁמָה אִיז אִין תְּפִיסָה בַּיי דִי גוּף? דָאס הֵייסְט װֶוען דִי גוּף צִיט נָאר צוּ שְׁלֶעכְטְס, דִי גוּף צִיט נָאר צוּ צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ? וָואס זָאל מֶען יֶעצְט טוּהן? וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶעם תְּפִיסָה? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר (שָׁם), דִי עֵצָה אִיז אַז מֶען זָאל צֶעבְּרֶעכְן דִי װֶוענְט פוּן דִי תְּפִיסָה, דָאס הֵייסְט אַז מֶען זָאל צֶעבְּרֶעכְן דֶעם גוּף, אַזוֹי װֶועט דִי נְשָׁמָה זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְזֶעהן פוּן אִיר פְּלָאנְטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ב), אַז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז אַז מֶען זָאל דֶעם גוּף אַלֵיין אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, דָאס זָאל אוֹיךְ װֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן דִי נְשָׁמָה, דֶער גוּף אַלֵיין זָאל װֶוערְן אַ שְׁטִיק אֱלֹקוּת, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה נ"ח): וּמִבְּשָׂרְךָ לֹא תִתְעַלָּם, מֶען זָאל נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם פְלֵיישִׁיגְן קֶערְפֶּער דָאס וָואס דִי נְשָׁמָה וֵוייסְט אוּן שְׁפִּירְט.

### דַיין גוּף אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ

דָאס הֵייסְט אַז אַ אִיד דַארְף פְרֵיילִיךְ זַיין מִיט זַיין קֶערְפֶּער, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין גֶע׳מַלֶ׳עט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטוּהן הַיינְט תְּפִלִּין, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ גֵיי מִיט צִיצִית, אַז אִיךְ הָאבּ דִי אַלֶע זַאכְן הָאבּ אִיךְ מִיט דֶעם אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דֶעם גוּף אַלֵיין, דֶער גוּף אַלֵיין אִיז גֶעוָוארְן אַ הֵיילִיגֶער גוּף פוּן גַּן עֵדֶן (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן פ״ג), וְוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אִיּוֹב י״ט): מִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלֹקַי, פוּן מַיין קֶערְפֶּער אַלֵיין קֶען אִיךְ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. צוּ דֶעם קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין, וֶוען עֶר טוּט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים מִיט זַיין גוּף.

### הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי פַיינְט

אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן, דִי נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר הָאט זִיךְ פַיינְט, קֵיינְמָאל אִיז

עֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זַיין לֶעבְּן, עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט אוֹיס אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דָאס אִיז אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין שְׁטַארְק מִיט זִיךְ, זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט אוֹיס, עֶר דַארְף אִין זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ גְלֵייבְּן (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן סא; חֵלֶק ב׳ סִימָן פו), עֶר דַארְף וִויסְן "דָאס בִּין אִיךְ", אוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס בִּין אִיךְ פְרֵיילִיךְ, אַז מֶען לֶעבְּט אַזוֹי הֶעלְפְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז גָארְנִישְׁט קֶען דֶעם מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן.

### דוּ קֶענְסְט רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן

אָבֶּער דָאךְ אָן דִי חִיזוּק אוּן הִילְף פוּן אַנְדֶערֶע אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַלֵיין מְחַזֵק צוּ זַיין, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְבִּיטֶערְט מִיט צָרוֹת פוּן זִיךְ אַלֵיין, אָדֶער פוּן דִי וַוייבּ, אָדֶער פוּן דִי קִינְדֶער,

וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וואוּ זִיךְ אַהִין צוּ טוּן פַאר צַעַר אוּן וֵוייטָאג, אַלֵיין זֶעהְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אַ וֶועג אַרוֹיס, בִּיז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס פוּן גְרוֹיס צַעַר הֵייבְּן זֵיי אֲפִילוּ אָן טְרַאכְטְן זִיךְ צוּ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִיצְּלָן, בִּפְרַט אַ בָּחוּר וָואס דִי מְלַמְדִים הָאבְּן אִים אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעקְוֶועטְשְׁט, אִינְדֶערְהֵיים הָאט מֶען אִים אוֹיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, בִּיז עֶר אִיז אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט אַז עֶר אִיז מַחְלִיט זִיךְ צוּ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, אַלֵיינְס קֶען עֶר נִישְׁט בְּשׁוּם אוֹפָן זִיךְ מְחַזֵק זַיין, אָבֶּער אַז פְּלוּצְלִינְג אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען אַ דְרוֹיסְנְ׳דִיגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען, עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶערֶעדְט, הָאט עֶר אִים מַמָשׁ גֶערַאטֶעוֶועט! דֶערְפַאר אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה מְחַזֵק צוּ זַיין אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים אוֹיסְרֶעדְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן דֶעם.

### ד.

### אַייזֶערְנֶע כֹּחוֹת אַקֶעגְן עֲמָלֵק װָאס װיל צֶעבְּרֶעכְן יוּנְגֶע קִינְדֶער און בָּחוּרִים

נָאכְדֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל מַאכְן אַ קָרְבַּן פֶּסַח, אַלְץ זֵכֶר צוּ מַכַּת בְּכוֹרוֹת װֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט אוֹיסְ'הַרְגְ'עֶנֶען אַלֶע מִצְרִיי'שֶׁע בְּכוֹרִים, אַלֶע עֶלְטְסְטֶע פוּן מִצְרַיִם גֵייעֶן שְׁטַארְבְּן, נָאר דִי אִידִישֶׁע בְּכוֹרִים װֶועלְן בְּלַייבְּן לֶעבְּן. מִיט װָאס טַאקֶע זֶענֶען דִי בְּכוֹרִים אַזוֹי חָשׁוּב? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, תְּפִלִּין ה, אוֹתִיּוֹת ל-לא): אַז דֶער עֶלְטְסְטֶער און דֶער עֶרְשְׁטֶער טְרָאגְט שְׁטֶענְדִיג מִיט זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגְן בַּאדֵייט, דָאס הָאט אַ סְפֶּעצִיעֶלְן חֲשִׁיבוּת, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כד, כ): רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק; דִי סִטְרָא אַחֲרָא זוּכְט אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ כַאפְּן דֶעם אָנְהֵייבּ דֶעם "רֵאשִׁית", דָאס

הֵייסְט עֶר וְויל כַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ גְלַייךְ בַּיים אָנְפַאנְג אוּן אִים צֶעבְּרֶעכְן, עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶר טוֹיג אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוּן אַז עֶר אִיז פַאר גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אַזוֹי הָאט עֶר אִים שׂוֹין סֵיי וְוי אִין זַיין נֶעץ חַס וְשָׁלוֹם, אַקֶעגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ פִירְן אַ הֶעפְטִיגֶע מִלְחָמָה, עֶר זָאל זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ כַאפְּן דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, וְוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עַיֵין רֹאשׁ הַשָּׁנָה טז ע״א), אַז יֶעדֶע רֶגַע מִשְׁפָּט מֶען פוּן פְרִישׁ דֶעם מֶענְטְשׁ. רֶגַ״ע אִיז רָאשֵׁי תֵבוֹת רֵ'אשִׁית גּ'וֹיִם עֲ'מָלֵק; עֲמָלֵק וְויל נָאר צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ יֶעדֶע רֶגַע, אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, אֲפִילוּ וֶוען אַלֶע שְׁטֵייעֶן אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר, רֶעדְן אוֹיף מִיר, מַאכְן חוֹזֶק פוּן מִיר, אָדֶער אַמָאל פַארְקֶעְרְט וֶוען אַלֶע מַאכְן מִיר זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן דוּרְכְדֶעם מַאכְט מֶען מִיר צוּ נַאר, אָבֶער אוֹיבּ אִיז אַ מֶענְטְשׁ

שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אַז גָארְנִישְׁט זָאל אִים קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן, װֶעט עֶר שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן דֶעם אוֹיבֶּערְהַאנְט, עֶר װֶעט גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה, װֶעגְן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אִיךְ װֶעל הַרְגְ׳עֶנֶען אַלֶע עֶלְטְסְטֶע פוּן מִצְרַיִם אוּן אַלֶע אִידִישֶׁע בְּכוֹרִים װֶעלְן בְּלַייבְּן.

## ה.

### נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער װֵייסְט עֶס

בַּיי מַכַּת בְּכוֹרוֹת אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן דִי הַשְׁגָחָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, װֶען יֶעדֶער הָאט גֶעזֶען אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער װֵייסְט פוּנְקְטְלִיךְ װֶער עֶס אִיז אַ בְּכוֹר אוּן װֶער נִישְׁט, וַוייל אֲפִילוּ וואוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מִצְרִי׳שֶׁע בְּכוֹרִים זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט וִויסְן נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער

אַלֵיין (עַיֵין בְּרַשִׁ״י), וְוידֶער פוּן דִי אִידִישֶׁע בְּכוֹרִים אִיז קַיין אֵיינֶער נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, כָאטְשִׁיג דִי אִידְן הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן דִי מִצְרַיִם, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אִיבֶּערְגֶעטַאנְצְן פוּן דֶעם שְׁטוּב צוּ דֶעם שְׁטוּב, אוּן נָאר וואוּ עֶס הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ מִצְרִי הָאט מֶען דָארְט גֶע׳הַרְגְ׳עֶט, דֶער אִיד אִינְצְוִוישְׁן הָאט מֶען גֶעלָאזְט לֶעבְּן.

**דָא וואוֹינְט אַ אִיד ! דָא וואוֹינְט אַ אִיד !**

עֶס אִיז בַּאוִוּיסְט אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ פוּן סַאסוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גְלַייךְ דֶערְקֶענְט זַיין גְרוֹיסְקֵייט, אוּן עֶר הָאט אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ זָאגְן תּוֹרָה, דֶער הֵיילִיגֶער סַאסוּבֶער הָאט זִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט

צוּ זָאגְן תּוֹרָה פַּארְן רֶבִּי׳ן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ, אָבֶּער וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן עֶטְלִיכֶע מָאל הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה אוּן גֶעזָאגְט תּוֹרָה, עֶס אִיז דַאן פּוּנְקְט גֶעוֶוען פַּרְשַׁת בֹּא, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ גֶעזָאגְט אַזוֹי: עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת יב, יג): וּפָסַחְתִּי עֲלֵיכֶם וְלֹא יִהְיֶה בָּכֶם נֶגֶף וְגוֹ׳; רַשִׁ״י אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט כִּבְיָכוֹל אִיבֶּער גֶעשְׁפְּרִינְגְן אוּן אִיבֶּער גֶעטַאנְצְן פוּן אִידִישֶׁע הַייזֶער צוּ דִי מִצְרִי׳שֶׁע הַייזֶער; הָאט עֶר גֶעטַייטְשְׁט אַזוֹי, בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַזוֹי חָשׁוּב יֶעדֶער אִיד, אַז אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁער שְׁטוּבּ וואוּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז גֶעקוּמֶען, הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן גְרוֹיס פְרֵייד גֶעטַאנְצְן, דָא וואוֹינְט אַ אִיד! דָא וואוֹינְט אַ אִיד! בְּשָׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער סַאסוּבֶער הָאט דָאס גֶעזָאגְט אִיז עֶר אַזוֹי צוּקָאכְט גֶעוָוארְן, אַז

עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְן טִישׁ טַאנְצֶענְדִיג, און גֶעוִויזְן פַּארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ: דָא וואוֹינְט אַ אִיד! דָא וואוֹינְט אַ אִיד! אַז אַזוֹי הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעטַאנְצְן און זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

### קוּקְט ווִי מַיינֶע קִינְדֶער רֶעכְטְן אָפּ אַ סֵדֶר

עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת בֹּא דַף מ ע״ב), אַז בַּיים סֵדֶר נַאכְט גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוּם פון שְׁטוּב צוּ שְׁטוּב, עֶר קוּקְט זִיךְ צוּ ווִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער רֶעכְטְן אָפּ אַ סֵדֶר, ווִי שֵׁיין דִי טַאטֶע מִיטְן זֵיידְן, דִי קִינְדֶער מִיט דִי אֵיינִיקְלֶעךְ און אוּר אֵיינִיקְלֶעךְ זִיצְן אִינְאֵיינֶעם, דֶער בַּאשֶׁעפֶער פְרֵיידְט זִיךְ, און עֶר וַוייזְט פַאר דִי מַלְאָכִים: קוּקְט

און זֶעהְט ווי מַיינֶע קִינְדֶער זִיצְן צוּזַאמֶען און רֶעכְטְן אָפּ אַ סֵדֶר, זֵיי דַאנְקְן און לוֹיבְּן מִיר וְכוּ׳.

**הַיינְט צוּטָאגְס טַאנְצְט אוֹיךְ דֶער**
**אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּיי יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב**

דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג, נָאכְדֶעם וָואס אִידְן זֶענֶען שׁוֹין דוּרְךְ אַזוֹיפִיל צָרוֹת בְּמֶשֶׁךְ דִי צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר גָלוּת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִין אַזַא מַצָב ווִי מִיר שְׁטֵייעֶן הַיינְט, וֶוען מֶען רוֹדְפְ׳ט אוּנְז און מֶען יָאגְט אוּנְז פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, דִי רְשָׁעִים ווִילְן אוּנְז נָאר אַיינְשְׁלִינְגְן, דִי גוֹיִם הָאבְּן אוּנְז פַיינְט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס פַיינְטְשַׁאפְט, און מֶען דַארְף הִימְלִישֶׁע רַחֲמִים אַז זֵיי זָאלְן אוּנְז נִישְׁט טְשֶׁעפֶּעגֶען, ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עַיֵין יוּמָא סט ע״ב): אִידְן זֶענֶען ווִי אֵיין צִיגֶעלֶע צְוִוישְׁן זִיבֶּעצִיג וֶועלְף. פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הַאלְטְן זִיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה, אִין אַ צַייט וֶוען עֶס אִיז

גָארְנִישְׁט דָא, אַמָאל הָאט מֶען נָאךְ כָּאטְשׁ עֶפֶּעס גֶעזֶען, הַיינְט וֶוען מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט, מִיט דֶעם אַלֶעם בּוֹיעֶט מֶען מִקְוָאוֹת, מֶען בּוֹיעֶט תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס מִיט מֵיידְל שׁוּלֶעס, בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק מִיט אַלֶע כֹּחוֹת כָּאטְשִׁיג מִיר זֶעעֶן גָארְנִישְׁט, דָאס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גְרֶעסְטֶע חֲשִׁיבוּת, נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאסוּבֶער גֶעזָאגְט מִיט אַזַא בְּרֶען, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטַאנְצְן פוּן אֵיין אִידִישֶׁע שְׁטוּב צוּם אַנְדֶערְן, "דָא וואוֹינְט אַ אִיד, דָא וואוֹינְט אַ אִיד", אוּן מִיט דֶעם דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ הַיינְט אוֹיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַזֵק זַיין.

דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶערֶע צָרוֹת אוּן עֶנְגְשַׁאפְט

בִּפְּרָטִיּוּת, אַזוֹי אוֹיךְ בִּכְלָלִיּוּת זָאל מֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן, אָמֵן וְאָמֵן

**תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**


בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
אום טיר
goodpointmediainc@gmail.com